בס"ד

# אונזער חשבון הנפש פון ל"ג בעומר תשפ"ו

**מאמר השקפה**

פר' בהר-בחוקותי

שנת תשפ"ו לפ"ק

די שורות ווערן געשריבן אונטער דעם טיפן רושם, שטייענדיג בעצם היום ל"ג בעומר אין די הילולא קדישא פונעם הייליגן תנא האלקי **רבי שמעון בן יוחאי**.

שוין הונדערטער יארן וואס דער טאג ווערט אפגעהאלטן ביי כלל ישראל אלס א ספעציעל געהויבענער התרוממות'דיגער טאג, מיט איר טיפן משמעות וויאזוי זי ווערט אפגעלערנט און אפגעראכטן ביי אידישע קינדער מיט א געהויבנקייט, מיט התרוממות, מיט א שמחה דקדושה, מיט א חדוות הנפש, מיט תפלות ותחנונים, און מיט א התקרבות און התדבקות צום רבש"ע.

ל"ג בעומר איז א טאג וואס לאזט איבער א רישומא דקדושה אויף א לאנגע צייט, און ברענגט בענקעדיגע געפילן ביי אזויפיל אידן וואס ווארטן און קוקן ארויס אויפ'ן קומענדיגן יאר ל"ג בעומר, מתי יבא לידי, מיר זאלן מיר נאכאמאל זוכה זיין צו די געהויבענע התרגשות'דיגע געפילן זיך צו פרייען מיט די שמחה פונעם תנא **האלקי רבי שמעון בן יוחאי**. האפנטליך מיט משיח צדקנו.

## כי לא תשכח מפי זרעו

אסאך וואונדערן זיך, און מ'וויל פארשטיין א פשוט'ע הסבר, עפעס וואס זאל ערקלערן מיט טרוקענע ווערטער, מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה, וואס איז די שמחה?! וואס איז דער געפיל?! וואס איז דער גורם וואס טוט צוזאמברענגען אלפים ורבבות אידן פון אומעטום צו איין געוויסע מקום וואו ס'ווערט אפגעראכטן די הילולא קדישא פון רבי שמעון בר יוחאי, און אנטעגערן שעות ארוכות צו

טאנצן, שפרינגען, זיך פרייען מיט א געהויבנקייט און התרוממות מיט די שמחה פון רבי שמעון.

זאל דאס זיין אין ארץ ישראל אין מירון ביים ציון פון רבי שמעון, זאל דאס זיין אין חוץ לארץ ביי אלע גרעסערע צענטערן פון יהדות החרדית וואו ס'ווערט אפגעראכטן די גרויסע הדלקות לכבוד התנא האלקי, איבעראל זעט מען אז דאס איז א ציאונגס צענטער וואס שלעפט אידן פון איבעראל. אידן קומען מיט א ברען און מיט א פלאקער, און שעות ארוכות געפינען זיי זיך אין א העכערע אטמאספערע, שלא מעלמא הדין, מ'שפירט א נאנטקייט און א קשר, א התקרבות צו עפעס מער, צו עפעס העכערס, עפעס וואס מ'באגעגנט נישט איבער'ן גאנצן יאר.

> "עס איז א סכנה, ווי מעג מען גיין קיין מירון ווען עס קען אין יעדע ליאדע מינוט פאלן א מיסיל פונעם שונא?! און ווער נאך זארגט זיך פאר די טובה און פארן וואוילזיין, און פאר די צופרידנהייט פון ערליכע אידן, עובדי השם, שומרי תורה ומצוות, מער ווי די ציוניסטישע פאליציי?!"...
>
> "אידן וואס לעכצן צו אנקומען צו רבי שמעון בן יוחאי אינעם הייליגן טאג ל"ג בעומר, זיי פארשטייען נישט און ווייסן נישט וואס מ'מעג און וואס מ'טאר נישט, וויאזוי מ'דארף זיך אכטונג געבן אויפן לעבן, אוודאי דארף מען צוקומען צו אונזערע פארזארגער, די וואס האבן אזא 'לעכטיגע עקספיריענס' פון ווען נאר אונזער גוטס און נאר אונזער וואוילזיין, און זייער קאפ און מח ליגט נאר ווי קען מען פארבעסערן און פארזיכערן דאס לעבן, רואיגקייט, און געזונט פון ערליכע אידן שומרי תורה ומצוות אין ארץ ישראל, ווי די ציוני'סטישע פאליציי געשטיצט דורכ'ן בג"ץ"...

דער אמת איז, עס האט נישט קיין הסבר, מ'קען דאס נישט ערקלערן.

עס איז א בלויזע הוכחה אויף דעם וואס רבי שמעון בר יוחאי - דער רבי פון כלל ישראל - האט געזאגט (שבת קל"ח ע"ב) **חס ושלום לא תשתכח תורה מישראל. "הנה ימים באים נאום ה' לא רעב ללחם ולא צמא למים כי אם לשמוע דבר ה'".**

רבי שמעון איז דער וואס שטעלט אראפ די הבטחה "**לא תשתכח תורה מישראל**", ס'וועט קומען שווערע צייטן, ס'וועט קומען ביטערע צייטן, דאך וועט קיינער נישט קענען לייקענען אין נצחיות ישראל, קיינער וועט נישט קענען אוועקמאכן אז "עוד עם ישראל רד עם ק-ל", קיינער וועט נישט קענען לייקענען אז אין יעדן איד איז דא א ניצוץ פנימי

וואס ווארט און בענקט און איז משתוקק צום אינערליכן קשר מיט'ן הייליגן באשעפער.

ל"ג בעומר יום ההילולא קדישא פונעם תנא אלקי ר' שמעון בר יוחאי, האט א מאגנעטישן כח, א שלא כדרך הטבע'דיגן צוציאונגס קראפט וואס שלעפט אידן צו געהויבנקייט און דביקות און התקשרות אין קודשא בריך הוא.

## קבלות טובות צו זיין מקושר מיט רבי שמעון

מיר האבן זוכה געווען מיטצוהאלטן דעם לעכטיגן הייליגן מעמד אינאיינעם מיט רבבות מישראל **אין קרית יואל קרתא דשופריא.**

> **מקצה הארץ זמירות שמענו, אז עס איז יא געווען א שיינע חתונה אין מירון...**
>
> **צענדליגער טויזנטער אידן האבן יא געהאט די זכי' אנצוקומען קיין מירון, און זיין אינעם הייליגן ציון פון רבי שמעון בן יוחאי, און זיך פרייען מיט די גרויסע שמחה אין חצר פון רבי שמעון בן יוחאי.**
>
> **יא, עס איז ברוך השם געווען א שיינע חתונה...**

מען האט מיטגעהאלטן וויאזוי אהרן כהנא קדישא עומד ומדליק את הנר, דער רבן של ישראל האט מלהיב געווען נשמות ישראל, ער האט גענומען דעם מעמד במקהלות רבבות עמך ישראל און אויסגענוצט כדי נישט לאזן די רגשי הלב פארפאלן גיין, נישט לאזן בחינם אוועקלויפן די געהויבענע געפילן, נאר מיט הייליגע לעכטיגע דיבורים האט ער אריינגעשלעפט דעם כלל ישראל צו קבלות טובות, זיך צו דערהייבן בעניני קדושה, נענטער ברענגען צו עבודת השם, מאכן קבלות אין צניעות וקדושה, אין עזרת נשים און עזרת אנשים.

דער רבי האט דערמאנט אידישע קינדער, **"ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם"**, נאר אויב מ'וועט זיך באמת מקשר זיין מיט אן אמת'ע געפיל, מיט קבלות טובות און קדושת התנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי, האבן מיר א קשר, זענען מיר דבוק, האבן מיר מיט וואס צו קומען 'לבא אל המלך ולהתחנן לו', אריינצוגיין נענטער און נענטער אין חצר הפנימי פון רבי שמעון בר יוחאי, בעטן און זיך אויסבעטן און האפן אז בזכות פון דעם הייליגן תנא האבן מיר גע'פועל'ט אלעס גוטס.

עס איז נישטא קיין ווערטער אראפצומאלן און אראפגעבן די הרגשים פון דעם וואס אידישע קינדער האבן זוכה געווען מיטצולעבן ל"ג בעומר אין קרית יואל, אתרא קדישא מאנראו-מירון, מקושר מיט'ן כח הקדושה פון רבי שמעון בר יוחאי.

## די צושטערטע חתונה אין מירון

אידישע קינדער קוקן אבער א גאנצע צייט אויף דאס 'פינטעלע פון כלל ישראל': **"וואס טוט זיך אין מירון?!"**.

די קשיא עגבערט יעדן איינעם שוין עטליכע וואכן, וואס דאס יהדות החרדית איז פארנומען, וואס וועט זיין ל"ג בעומר?! וועט מען קענען זיין ביי רבי שמעון?! וועט מען קענען זיך משתטח זיין אויפ'ן הייליגן ציון בעצם יומא דהילולא קדישא?! אדער וועט ווידעראמאל פארשטערט ווערן די געהויבענע שמחה באתרא קדישא?!

יעצט איז שוין ל"ג בעומר נאכמיטאג, אין ארה"ק איז שוין ארויס דער גרויסער טאג. מקצה הארץ זמירות שמענו, אז עס איז יא געווען א שטיקל חתונה אין מירון.

טויזנטער אידן האבן געהאט די זכי' אנצוקומען קיין מירון, און זיין אינעם הייליגן ציון פון רבי שמעון בן יוחאי, און זיך פרייען מיט די גרויסע שמחה אין חצר פון רבי שמעון בן יוחאי.

עס איז נישט אנגעקומען לייכט. פילע האבן מקדים געווען צו קומען נאך פאר שבת, און זיך אויסבאהאלטן, אין באהאלטענע פלעצער אין שטיבער, מיט'ן חשבון צו קענען פארבלייבן ביז דינסטאג, הילולא דרשב"י.

אנדערע אידן האבן גענומען יעדע אלטערנאטיוו, עס האט זיי גענומען די וועג פילפאכיג לענגער ווי געווענליך. געקראכן דורך הרים וגבעות, וועלדער און דערנער, זיי זענען אנגעקומען קיין מירון בדרך לא דרך, צעשניטן און צעקלאפט און צעביילט, אבער מען איז אנגעקומען.

עס איז שווער אריינצוזאגן - סוכ"ס איז דאך טאקע א זמן סכנה, וכל הדרכים בחזקת סכנה. און גדולי הדור האבן נישט געגעבן קיין "הלכה ומורין כן" צו גיין קיין מירון. אבער רבבות אידן האט זייערע רגשי הלב זיי געטראגן צום "הלכה ואין מורין כן". און זיי זענען טאקע יא אנגעקומען. און יא

זוכה געווען זיך מיטצופרייען מיט די גרויסע שמחה.

פון די אנדערע זייט, איז קלאר אז די חתונה איז געווען אויף א גאר קליינעם פארנעם, ליידער ליידער, שוין צום וויפילטן מאל אין די לעצטע יארן וואס די גרויסע שמחה ווערט צושטערט. רבבות אידן וואס האבן געוואלט קומען אהין זענען פארמיטן געווארן דורך די ציוני'סטישע אינסטאנצן, און דאס גאנצע יהדות החרדית האט געשפירט א דערשטיקנדע געפיל, 'עפעס' וויל מען פון אונז.

## די הימלען וויינען

אין אן אויסטערלישן צייכן פון הימל, איז געווען גאר וואונדערליך, שלא כדרך הטבע האט זיך אראפגעלאזט א שלאקס רעגן אין מירון. דאס איז עפעס וואס פאסירט נישט נאטורליך אין די תקופה פון יאר אין ארץ ישראל.

אידן האבן געקוקט מיט צאפלדיגע הערצער 'על מה עשה ה' ככה?', ליגט דערין עפעס טיפערס וואס רבי שמעון וויל אונז זאגן, נאך די לעצטע זיבן שווערע יארן ווען די גרויסע שמחה איז נישט בשלימות?!

די ציוני'סטישע אינסטאנצן האבן פרובירט מיט וויפיל זיי האבן געקענט, ווידער אמאל צו צושטערן די הייליגע הילולא מיט יעדן מיטל וואס זיי האבן נאר געקענט. זיי האבן אויפגעשטעלט שווערע בלאקאדעס ווייטע קילאמעטער אוועק פון מירון - זיי האבן געטון כל מה שביכולתם, כאטש פרובירנדיג זיך אפצוהאלטן פון שאפן פרישע בילדער וויאזוי זיי האקן קעפ מיט גומינע נאגייקעס - און זיי האבן סוקסעספול אפגעהאלטן שווערע טויזנטער אידן על אם הדרך נישט צו קענען אנקומען קיין מירון.

זיי זענען געקומען מיט א 'זיכערהייט' טענה, "עס איז א סכנה, ווי מעג מען גיין קיין מירון ווען עס קען אין יעדע ליאדע מינוט פאלן א מיסיל פונעם שונא?! און ווער נאך זארגט זיך פאר די טובה און פארן וואוילזיין, און פאר די צופרידנהייט פון ערליכע אידן, עובדי השם, שומרי תורה ומצוות, מער ווי די ציוניסטישע פאליציי?!"...

ליצנות, איז נישט דאסווארט.

## זיי זענען גאר די מצילים?!

מיר גייען דא נישט אריין בכלל אין די סוגיא ווי ווייט מירון איז געווען פארזיכערט היי יאר, און מעיקר הלכה ווי ווייט מ'וואלט זיך געמעגט איינשטעלן פאר א ספק ספיקא פון פיקוח נפש אין אזעלכע אנגעצויגענע זמנים צו גיין קיין מירון. כי באוונתא דליבא תלי', מ'רעדט פון ברענעדיגע השתוקקות פון אידן, פלאמעדיגע הרגשים, ווער קען אריינרעדן.

אבער פאר דעם ספק, אז די ביליגסטע רוצחים, די ארגסטע שונאים פון יהדות החרדית, די וואס האלטן זיך נישט אפ צו שלאגן, שמייסן, שפאלטן קעפ, פון יעדן ערליכן איד כסדר וואו מ'שטייט און וואו מ'גייט, זיי שעמען זיך נישט צו זאגן ברבים איינמאל און נאכאמאל וואו זיי וואלטן געוואלט זען יעדן ערליכן איד ר"ל...

אט די געמיינע פארברעכער, די ווילדע רוצחים, וואס האבן אנגעדרייט דא אן אומזיסטע מלחמה מיט איראן, זיי האבן אריינגעשלעפט זייער גאנצע מדינה אין א שרעקליכע סכנה, אריינגערעכנט הונדערטער טויזנטער ערליכע אידן שומרי תורה ומצוות, און וואס האט שוין ליידער אפגעקאסט זייער א טייערן פרייז פון הרוגים און פצועים ה"י.

> **מיר האבן גענוג ערפארונג, מ'רעדט פון וואפן שטילשטאנד, זיכער די ציוני'סטישע הגאות פון נאך פסח וועט דורכגיין רואיג אן קיין שום פראבלעם, ווייל עס איז א 'שטילשטאנד', מ'דארף נישט מורא האבן..."**
>
> **"נאך ה' אייר גייט זיך דער מצב פלוצלינג אנהייבן צו וואקלען, און ביז ל"ג בעומר גייט זיין זיכער אז ס'איז א מקום סכנה, און מ'קען זיך בכלל נישט קיין עצה געבן, ווייל ס'איז א ביטערע סכנה, ס'גייען פאלן מיסילס פון איראן"...**

זיי האבן אריינגעשלעפט אמעריקע אין א פלאנטער, אין א מיאוס'ע בלאטע וואו מ'זעט זיך נישט ארויס. די וועלט וואקלט זיך, די עקאנאמיע וואקלט זיך, דער מצב איז פראבלעמאטיש ביז גאר.

מען האט גארנישט גענומען אין באטראכט אויסער די אייגענע עגא און פערזענליכע אינטערעסן פון דעם יחיד וואס וועט זיך שלאגן אויף זיין בענקל עד קצה האחרון ועד בכלל, מיליאנען פעסער בלוט זאל פארגאסן ווערן, אבער דער אומפארשעמטער ביבי וועט טון אלעס אז ער זאל קענען

באווייזן נאך א קאדענץ און נאך א קאדענץ, און ער וועט זיך פון דארט נישט אוועק שאקלען.

היעלה על הדעת פון עמיצן, אז די שפלים ונבזים, חדלי אישים, שמוציגע רוצחים, די גרעסטע שונאים פון יהדות החרדית, האבן פלוצלינג אן אמת'ע זארג און אינטערעסע אז די פרומע אידן וואס גייען קיין מירון 'זאלן נישט געשעדיגט ווערן?!'

## מיסטעריעזע 'קורצע שטילקייט'

אסרו חג פסח ווען מען האט אנגעהויבן צו רעדן פון שלום פאראנדלונגען און וואפן שטילשטאנד, האבן קלוגע אידן דעמאלט געזאגט:

"מיר האבן גענוג ערפארונג, מ'רעדט פון וואפן שטילשטאנד, קענסט זיין זיכער די ציוני'סטישע חגאות פון נאך פסח וועט דורכגיין רואיג אן קיין שום פראבלעם, ווייל עס איז א 'שטילשטאנד', מ'דארף נישט מורא האבן.

"פלוצלינג, נאך ה' אייר גייט זיך דער מצב אנהייבן צו וואקלען, און ביז ל"ג בעומר גייט זיין זיכער אז ס'איז א מקום סכנה, און מ'קען זיך בכלל נישט קיין עצה געבן, מ'קען נישט פראווען די הילולא ל"ג בעומר ווייל ס'איז א ביטערע סכנה, ס'גייען פאלן מיסילס פון איראן, פון כיזבאללא".

ס'הערט זיך ווי א קאנספיראציע, אבער פון די אנדערע זייט, שטארק מעגליך אז יענער האט זיך ווייט נישט טועה געווען.

נאכאמאל, מיר רעדן נישט אריין צו ס'איז געווען לכתחילה צו גיין היי יאר קיין מירון. מיר רעדן נאר ווער זארגט זיך פאר אונז, ווער מיינט אונזער טובה, און וואס זעען זיי אלס אונזער טובה.

די פלא פון אלעם איז, ווי כסדר כסדר ווערן נאך ערליכע אידן מבולבל פון זייער פראפאגאנדע, אז מ'קען זיך צומאל איינרעדן אז זיי מיינען עס אפשר יעצט יא אמת'דיג.

אונזער פליכט איז כסדר צו חזר'ן, יהי' מה שיהי', אפגעזען פון אלע מציאות און אלע אומשטענדן, זיי מיינען זיכער נישט אונזער טובה. פון זיי וועלן מיר זיכער קיינמאל נישט האבן קיין טובה. מרשעים יצא רשע, פון זיי וועלן מיר נאר ליידן. זיי ווילן אונזער שלעכטס, זיי מיינען אונזער שלעכטס, זיי ווילן אונז זען פארניכטעט, זיי ווילן אונז אויסרייסן, און אלעס וואס זיי טוען איז בכוונה תחילה אז מיר זאלן געשעדיגט ווערן.

זייער אפשפארן מירון און אלע רדיפות וואס זיי האבן געטון אויפ'ן וועג האט מיט 'בטחון' גארנישט.

אויב ווילן זיי היטן א אידיש לעבן, וואלטן זיי צוויי מאל געטראכט פאר'ן אנהייבן די מלחמה אין איראן, און בעפאר'ן באנייען די מלחמה אין איראן, און נאכ'ן זען וויפיל קרבנות זיי האבן שוין געברענגט אין די לעצטע וואכן, השם ישמרינו, אפשר די צייט זיך אפצושטעלן ווען דו קענסט די מלחמה נישט געווינען?!

> **און אויף דעם דארפן מיר דאנקען און לויבן דעם הייליגן באשעפער. ווען מיר הערן די גרוסן פון דערווייטנס אז עס איז ברוך השם יא געווען א שיינע הילולא אין מירון, טאקע א ווייטאג אז ס'איז נישט געווען כימים ימימה מיט די השתתפות פון אזוי פיל הונדערטער טויזנטער אידן, אבער דאך איז געווען א חתונה, דאך האט מען געטאנצן, דאך האט מען זיך געפריידט, דאך האבן טויזנטער אידן יא זוכה געווען. דאס געבט אונז א שטארקע חיזוק.**

ניין, זיי טראכטן נישט פון אונז. ניין, זיי שוינען נישט אונזערע לעבנס. זיי האבן נישט קיין רחמנות. נאר וואס דען?! אלעס איז איין חלק פון עקירת הדת.

עס איז זיי ווערד צו שיקן טויזנטער פאליציאנטן, אפשטעלן אלע שאסייען וואס פירן קיין מירון, און טון אלע פעולות וואס איז שייך, אז די הילולא פון רבי שמעון זאל ווידעראמאל, און נאך א יאר, און נאך א געלעגנהייט, צושטערט ווערן.

מיר דאנקען און לויבן דעם הייליגן באשעפער אויף וואס ס'איז יא געווען. ווען מיר הערן די גרוסן פון דערווייטנס אז עס איז ברוך השם יא געווען א שטיקל הילולא אין מירון, טאקע א ווייטאג אז ס'איז נישט געווען כימים ימימה מיט די השתתפות פון אזוי פיל הונדערטער טויזנטער אידן, אבער דאך איז געווען א חתונה, דאך האט מען געטאנצן, דאך האט מען זיך געפרייט, דאך האבן טויזנטער אידן יא זוכה געווען. אזוי אויך האבן אידן אין אנדערע פלעצער געפראוועט די הילולא קדישא מיט גרויס פייערליכקייט. דאס געבט אונז א שטארקע חיזוק.

כי לא תשכח מפי זרעו.